## **פרשת משפטים - תרומה י"ט שבט – ב' אדר תשע"ח לפ"ק**

***שבת קודש פרשת משפטים***
התפלות וסעודה שלישית התקיימה בבית המדרש חב"ד בעיר. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את הר"ר **אברהם אבא קליין** הי"ו.

* * *

***יום רביעי פרשת תרומה***
בשעות הבוקר הגיע **רבינו שליט"א** למעונו, בחזרה ממנוחתו בפאלם ספרינגס.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר השיעור בחן את תלמידי הישיבה גדולה על החזרה של שו"ע סימן שי"ח (הל' בישול).

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של החתן **אברהם מאיר** נ"ו בן הר"ר **אלכסנדר מנחם רוב** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **בן ציון אבערלאנדער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין. – אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת תרומה***
אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של הר"ר **יעקב אלי' זינגער** ע"ה (מתלמידי הגה"ק מסערדאהעלי זצוק"ל), שהתקיימה לפני בית המדרש בעלזא-מחנובקא.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יואל גראס** הי"ו, שהתקיים באולם באיאן.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת קודש פרשת תרומה***
לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יואל גראס** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת תרומה***
בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאלוב זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ז' אדר). בברכת המזון נתכבד הרה"ג רבי **יואל משה מרדכי** שליט"א.

בקריאת התורה התקיים שמחת העליה לתורה של החתן **יהושע** נ"ו, בן הר"ר **אהרן יוסף דאסקאל** הי"ו. ושל החתן **שלום** נ"ו, בן הר"ר **וואלף שפיערער** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחות.

אחר התפלה הלך **רבינו שליט"א** לבקר אצל הר"ר **אפרים פאללאק** הי"ו.

בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את הר"ר **שמחה פרידמאנן** הי"ו בברכת המזון (לרגל היארצייט של אביו הרה"ח רבי פרץ **פריעדמאנן** ע"ה, ראש הקהל דקהלתנו הק').

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יהודא ארי' לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

אחר הבר מצוה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל המלוה מלכה ודינער השנתי 'ליל

המתיבתא׳ לטובת המתיבתא דקהלתנו הק׳, שנערכה ביחד עם מסיבת חלוקת פרסים לתלמידי הישיבה שנבחנו על מסכת גיטין שלמדו בשנה שעברה, והתקיים באולם עטרת חי׳. הרה״ג רבי **נחמן גרינצווייג** שליט״א פתח את המסיבה, וכיבד את הר״ר **אליעזר פריעדמאן** הי״ו להשמיע דברי זכרון על אביו הרה״ח רבי **פרץ פריעדמאן** ע״ה ראש הקהל דקהלתנו הק׳, שהדינער נתנדב לעילוי נשמתו. אחר כך נתכבד הר״ר יהושע שטערן הי״ו בפרס ׳עטרת אבות׳, והשמיע מדברותיו. אחר שנשמעו דברים על ידי הרה״ג רבי **יעקב יצחק אלבוים שליט״א** (ר״מ בישיבה גדולה) השמיע **רבינו שליט״א** דברות קודש. בסיום המסיבה חילק **רבינו שליט״א** תעודות לתלמידי הישיבה שנבחנו על מסכת גיטין. בברכת המזון נתכבד הרה״ג רבי **יצחק פריעדמאן** שליט״א.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א כבוד צו באגריסן, די אלע וואס זענען זיך צוזאמגעקומען מחזיק צו זיין די מתיבתא, א מקום וואס מען איז זיך באמת מתייגע אויף תורה, און עס וואקסן אויס תלמידים, יראי ה׳ וחושבי שמו.

**די** הייניגע מסיבה איז געווידמעט לעילוי נשמת פון אונזער חשוב׳ן ראש הקהל, רבי פרץ פריעדמאן ע״ה, וואס ער איז געווען א אדם גדול בתורה, יעדע פרייע מינוט האט ער אויסגענוצט אויף לימוד התורה, און אויף הרבצת התורה. אויסער דעם איז ער אויך געווען פארנומען מיט די עסקנות וואס ער האט אויפגעטוען פאר אונזער קהלה, און ער האט איבערגעלאזט א חלל ביי אונז אין די קהלה וואס קיינער האט עס נישט ערזעצט. עס איז זיכער א עילוי פאר זיין נשמה, און ער איז אוודאי נהנה אויבן אין גן עדן, ווען ער זעהט אז מען איז זיך צוזאמגעקומען ווייטער ממשיך צו זיין די בליה פון אונזער קהלה, זאל ער זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע.

*

**איך** וויל ארויסברענגען צוויי נקודות. איינס איז נוגע פאר די בחורים, וואס זענען מקבל די פרסים היינט ביינאכט, און די צווייטע נקודה איז נוגע פאר די בעלי בתים. - בנוגע די בחורים וואס האבן זיך געפלאגט אויף תורה, וואס איך האב דאס מיטגעהאלטן און צוגעזעהן ווען איך בין אין די ישיבה רוב טעג פון די וואך. און בעיקר אין די זומער חדשים, וואס מען איז אינאיינעם גאנצע צוויי חדשים, וואס דעמאלטס איז די צייט וואס די בחורים חזר׳ן איבער אלעס וואס מען האט געלערנט אין משך פונעם יאר. די געוואלדיגע יגיעת התורה, און די התמדת התורה וואס מען האט געזעהן ביי זיי, עס איז אשרי חלקם, אז זיי האבן זוכה געווען זיך צו פארהערן וואס מען האט געלערנט, אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו (בבא בתרא י:). זאל דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן קענען שטייגן און אויסוואקסן וואס א בחור דארף אויסצוואקסן, און זיך לאזן פארהערן מערערע מסכתות.

**די** וואך איז די פרשה פון עשיית המשכן, וואס אין דעם משכן, אינעם קדשי קדשים, איז געווען דער ארון. דער ארון דאס ווייזט אויפן תלמיד חכם, אין דעם ארון איז געלעגן די תורה. ווען א איד לערנט תורה, איז ער דער ארון, ער איז דער האלטער פאר די תורה. דער ארון וואס איז געווען אין משכן, דאס איז דער סימבאל פון א תלמיד חכם, א בן תורה. עס איז געווען שני כרובים העכער דעם ארון, און זיי זענען געווען בצורת רביא, וואס דאס איז א רמז אויף די יונגע בחורים וואס זיצן און לערנען. - ופניהם איש אל אחיו (שמות כה-כ), איינער קוקט ארויף אויפן צווייטן. מען לערנט נישט פאר זיך אליין, מען לערנט מיט א חברותא, און מען זעהט וואס מען קען העלפן פארן חבר. - ופניהם אל הכפורת, מען קוקט נישט ארויס אויסער דעם כפורת, אלץ איז דער פנים צוגעלייגט צו די תורה. - דער ארון איז געלעגן אין קדשי קדשים, וואס דער קדשי קדשים איז געווען א קליינער צימער, און אין דעם צימער איז נישט געווען קיין שום זאך. עס איז נישט געווען אויף וואס מען זאל זיך קענען פארקוקן. איך מיין, אז דער קדשי קדשים איז געווען פון פיר שטיינערנע ווענט, איך ווייס נישט צו עס איז געווען געפעינ״ט, צו עס האט אפילו געהאט קאלעך

אויף זיך, עס איז געווען פשוטע אבנים. און דארט איז געלעגן די תורה, אפגעזונדערט פון אלעס ארום און ארום, ווייל דאס ווייזט אויף דעם ריכטיגען בן תורה. די בחורים וואס פלאגן זיך אויף לערנען, עס אינטערעסירט זיי נישט קיין שום אנדערע זאך. בשעת מען קומט אין בית המדרש איז דער קאפ נאר אויף תורה, עס איז פניהם אל הכפורת, דעמאלטס וואקסט מען אויס א תלמיד חכם. זאל זיי דער אייבערשטער געבן ווייטער אויף, אז זיי זאלן קענען שטייגן מער און מער, און אויסוואקסן תלמידי חכמים.

*

**בנוגע** די מחזיקי תורה וואס זענען זיך צוזאמגעקומען, וואס אן די מחזיקי תורה איז נישטא קיין תורה, עץ חיים הוא למחזיקים בה ותומכיה מאושר (משלי ג-יח). די וואך הייבט זיך אן די פרשה, ויקחו לי תרומה, מאת כל איש אשר ידבנו לבו, תקחו את תרומתי (שמות כה-ב). און אלע מפרשים שטעלן זיך אויפן זעלבן דיוק, און אלע גייען זיי כמעט אויפן זעלבן דרך, און איך וועל פארברייטערן וואס זיי זאגן. דער פסוק זאגט ויקחו לי תרומה, מען זאל נעמען א תרומה. מען נעמט נישט נאר אז מען גיט. קודם דארף מען געבן, און אז מען גיט, קען מען נעמען. פארוואס האט די תורה אנגעכאפט די נקודה פון 'ויקחו' לי תרומה, מען זאל נעמען א תרומה. מען וואלט געדארפט צו זאגן, 'ויתנו' לי תרומה, מאת כל איש אשר ידבנו לבו 'יתנו' תרומתו, זאל ער געבן די תרומה, פארוואס שטייט 'ויקחו'.

**נאר** דער ביאור דערפון איז, מען זעהט אמאל א מענטש האט הוצאות, ער דארף ארויסגעבן געלט פון זיין טאש אויף געוויסע זאכן, און עס איז ביי אים נישט אייניג, אויף וואס ער גיט אויס זיין געלט. עס איז דא אמאל וואס א מענטש זעצט זיך אראפ, און ער הייבט אן אויסצושטעלן די טשעק"ס וואס ער דארף דעקן. ער דארף צאלן שטייער צום סוף פונעם יאר, די רעגירונג מאכט א חשבון, דו האסט פארדינט כך וכך, איך דארף דערפון האבן צען, צוואנציג, אכט און צוואנציג פראצענט, וויפיל זיי פארשטייען. און מען פרובירט צו האנדלען וואס מען קען אלץ אראפציפן דערפון, אבער עס בלייבט איבער די סוף שורה, און ער דארף אריינשיקן פאר די רעגירונג, א טשעק פון הונדערט טויזנט דאלער, שטייער אויף דעם וואס ער האט פארדינט. דאס איז איין טשעק וואס ער שרייבט. די צווייטע טשעק וואס ער שרייבט, מען האט אים אנגעטראגען א גוטע אינוועסטמענט, אז דו לייגסט אריין הונדערט טויזנט דאלער, קענסטו ביז א יאר ארויסנעמען צוויי הונדערט טויזנט דאלער, און עס איז געקומען די צייט, און ער דארף אינוועסט"ן, שטעלט ער אויס דעם צווייטן טשעק פון הונדערט טויזנט דאלער, און ער שיקט עס אריין פאר דעם אינוועסטמענט וואס ער דארף צו מאכן.

**ער** האט ארויסגעגעבן די זעלבע סומע געלט אויף צוויי פלעצער, אבער עס איז אינו דומה איין טשעק וואס ער האט געשריבן, צו דעם צווייטן וואס ער האט געשריבן. דעם ערשטן טשעק וואס ער האט געשריבן פאר די רעגירונג, גיט ער מיט א ווייטאג אין הארץ. ער האט זיך געפלאגט, איך האב נאר נישט קיין ברירה, מען פארלאנגט עס פון מיר, און איך קען זיך נישט ארויסדרייען דערפון, איך מוז עס שרייבן. אבער הלוואי וואלט איך נישט געדארפט געבן אזויפיל, הלוואי וואלט איך געקענט נאך עפעס אראפנעמען דערפון און געבן ווייניגער, עס איז אים א שאד יעדע פרוטה וואס ער גיט, ווייל עס איז אוועקגעגעבן, ער האט דערפון גארנישט. דעם צווייטן טשעק וואס ער שרייבט אויף זיין אינוועסטמענט וואס ער גייט פארדינען, דאס שרייבט ער מיט א שמחה, ער פריידט זיך, איך גיי יעצט מאכן געלט, עס איז אזא גוטע אינוועסטמענט, איך לייג אריין הונדערט טויזנט, און איך גיי צוריקבאקומען דערפאר צוויי הונדערט טויזנט. און עס איז א שאד אז איך האב נישט נאך געלט, וואס איך זאל קענען אין דעם אינוועסטירן. ווען איך וואלט געהאט נאך מער, וואלט איך דאך נאך מער געקענט פארדינען. און ער גיט עס מיט א שמחה מיט א פרייליכקייט! ער האט געשריבן צוויי טשעקס,

ביידע זענען די זעלבע סומע, אבער איינס גיט ער מיט א שווער הארץ, און איינס גיט ער מיט א גרינג הארץ.

**די** זעלבע איז ביי צדקה. ווען א יוד גיט צדקה, איז דא צוויי ערליי נותנים.ביידע שרייבן דעם זעלבן טשעק, און די זעלבע סומע געלט, און ביי איינעם איז עס אן עול. איך בין א יוד, איך דארף געבן צדקה, איך האב נישט קיין ברירה. אויב עס איז נישט טעקס פון די רעגירונג, איז עס טעקס פונעם אייבערשטן וואס איך דארף געבן. און אמאל איז עס ווייל ער האט א גוט הארץ ער קען נישט צוקוקן יענעמס פראבלעם, פרובירט ער אים צו העלפן. אבער הלוואי וואלט איך עס נישט געדארפט טון, הלוואי וואלט איך נישט געוויסט דערפון, הלוואי וואלט איך עס נישט געזעהן, און איך וואלט געקענט האלטן דאס געלט ביי מיר. ער גיט טאקע צדקה, אבער ער גיט עס נישט מיטן גאנצן הארץ, עס פעלט די נדיבות הלב, עס פעלט די שמחה ווען ער גיט עס. ווייל ער שפירט, אז ער האט אוועקגעגעבן זיין הארעוואניע פאר א צווייטן.

**עס** איז אבער דא אמאל, וואס א מענטש קוקט עס אן מיט אנדערע אויגן, און דאס איז ווי אזוי א יוד דארף עס אנצוקוקן. ווען א יוד גיט צדקה, וואס דו געסט יעצט פאר צדקה, איז נישט אז דו האסט אוועקגעגעבן, נאר דו האסט אינוועסטירט, דו האסט איינגעקויפט! עשר בשביל שתתעשר (תענית ט.), דער אינוועסטמענט וואס דו גיבסט אוועק, דו ביסט מחזיק תורה, וואס דארטן ליגן אלע ברכות פון די תורה הק'. ווי מער דו גיבסט, וועסטו האבן מער. דו האסט אוועקגעגעבן כך וכך, עס וועט דיר צוריקקומען נישט נאר וואס דו האסט אוועקגעגעבן, נאר דיין גאנצע ברכה וואס דו דארפסט האבן, און ברכה מיינט נישט דוקא עשירות אין געלט, נאר אויך געזונט און אריכת ימים, רוהיגקייט, נחת פון קינדער, אלעס וואס א מענטש דארף צו האבן, קען ער זוכה זיין מיט דעם וואס ער איז מחזיק תורה. עץ חיים הוא למחזיקים בה, דאס איז אן עץ חיים פאר די וואס זענען מחזיק תורה. דער וואס גיט צדקה אויף אזא אופן, ער גלייבט מיט אן אמת, אז וואס מען טוט פארן אייבערשטן, דערלייגט מען נישט! דער באשעפער האט צוגעזאגט, אז ער באצאלט עס. כי בגלל הדבר הזה, יברכך ה' אלקיך (דברים טו-י), גיט ער עס מיט א גוטן געפיל. איך האב גארנישט דערלייגט, נאר איך האב איינגעקויפט אן אינוועסטמענט, וואס מיט דעם גיי איך פארדינען, און ער גיט עס מיט א שמחה.

**ווען** א מענטש גיט צדקה ווייל ער דארף געבן, דאס איז א 'נתינה'. ער האט אוועקגעגעבן די צדקה, ער האט אוועקגעגעבן געלט וואס ער האט נישט געהאט קיין ברירה. ווען א מענטש גיט צדקה, און ער גלייבט מיט אן אמת, אז דער אייבערשטער באצאלט עס צוריק, און עס איז א הונדערט פראצענטיגע אינוועסטמענט אז מען באקומט עס צוריק. אן אינוועסטמענט וואס א מענטש מאכט, אפילו ווען בשעת מען טוט אינוועסטירן קוקט עס אויס זייער שיין, אבער נישט אייביג לאזט זיך עס אויס אזוי ווי מען האט געמיינט. אבער וואס מען גיט פארן אייבערשטן, איז דער אייבערשטער א גוטע באנק, און ער האט גענוג וואס ער קען צוריקבאצאלן פאר יעדן איינעם. א מענטש וואס גיט אוועק פארן אייבערשטן, דאס איז נישט אז איך האב 'אוועקגעגעבן', נאר איך האב יעצט 'איינגעקויפט' אן אינוועסטמענט, וואס דער אייבערשטער וועט מיר שפעטער באצאלן דערפאר, אסאך און אסאך מער.

**זאגט** די תורה הק', ווען איר גיט געלט פאר תרומת המשכן, אויפצובויען א משכן, וואס לענינינו וואס מיר האבן נישט היינט קיין משכן, אבער מיר האבן היינט א משכן וואס איז א מקדש מעט, א פלאץ ווי מען לערנט תורה דאס איז דער היינטיגער בית המקדש, וואס דארט איז דא השראת השכינה. זאגט די תורה ווען מען בעהט געלט פאר א מקום תורה, 'ויקחו' לי תרומה, נישט עטץ זאלטס געבן, נאר קויפטס ענק איין מיט די תרומה. איר זענט לוקחים, איר טוט אינוועסטירן אין דעם געשעפט. 'ויקחו' לי תרומה, יעדער יוד וואס האט געגעבן צו נדבת המשכן, וואס אין משכן איז דאך אראפגעקומען

אלע ברכות פון אויבן, איז דאס צוריקגעצאלט געווארן פאר אים בכפלי כפלים, דאס איז נישט קיין 'נתינה', נאר דאס איז א 'ויקחו', מען קויפט אן אינוועסטמענט.

*

**רש"י** (שמות כה-ב) ברענגט צו, אז עס איז אויסגערעכנט דא אין פסוק דריי תרומות. ויקחו לי תרומה, תקחו את תרומתי, וזאת התרומה. רש"י זאגט, אז עס איז געווען דריי תרומות וואס מען האט צוזאמגענומען געלט. מען האט צוזאמגענומען געלט צו בויען א משכן. און מען האט צוזאמגענומען א מחצית השקל, וואס מיט דעם האט מען געקויפט די קרבנות. און דריטנס, מען האט צוזאמגענומען געלט, וואס פון דעם האט מען געמאכט די אדנים פונעם משכן, און יעדער האט זיך מתחייב געווען א מחצית השקל. עס איז געווען דריי תרומות. איינס איז געווען פרייוויליג, צו בויען דעם משכן האט מען נישט געצווינגען צו געבן געלט, נאר מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי. אבער צו די קרבנות, און צו די אדני המשכן, האט מען געצווינגען יעדן איינעם צו געבן א מחצית השקל. מען האט זיך נישט פארלאזט, אז ער וועט האבן א נדבת הלב, און ער וועט וועלן האבן א חלק, און ער וועט געבן פון זיך אליין, נאר מען האט צוזאמגענומען פון יעדן איינעם א מחצית השקל, און פון דעם האט מען געמאכט די אדנים, און געקויפט די קרבנות.

**און** עס איז א געוואלדיגע פלא וואס מען דארף עס פארשטיין. פארוואס צו נדבת המשכן האט מען גענומען נאר מאת כל איש אשר ידבנו לבו, מען האט נישט מחייב געווען, מען האט זיך פארלאזט אז עס וועט זיין גענוג געלט פון די נדיבי הלב, און צו די קרבנות האט מען געדארפט צווינגען יעדן איינעם צו געבן א מחצית השקל, און מען האט זיך נישט פארלאזט אויפן נדבת הלב, אז ער וועט געבן געלט צו האבן א חלק אין די קרבנות. - און וואס עפעס איז די אדני המשכן געווען אנדערש, אז דארט האט מען אויך צוזאמגענומען געלט, און יעדער האט געמוזט געבן א מחצית השקל אראפצושטעלן די אדנים פארן משכן. - אויף איין חלק האב איך געזעהן א ביאור דערויף, און די צווייטע חלק וועל איך צוגעבן.

**איך** האב געזעהן שטיין, אז אין די ישיבות אין ליטא, איז אמאל געווען זייער א שווערער זמן. מען האט נישט געהאט וואס צו עסן, אמאל איז דאך געווען ממש כפשוטו, עס איז נישט געווען קיין ברויט וואס צו געבן פאר די תלמידים. אזוי ווייט אז מען האט געזעהן אז מען קען נישט דארט צוזאמנעמען געלט, האבן זיי ארויסגעשיקט א משלחת פון רבנים אז זיי זאלן גיין אויף פוילן, און זעהן צוזאמנעמען געלט דארט ביי דעם עולם, פאר די ישיבות אין ליטא, אז זיי זאלן זיך קענען האלטן. און עס זענען ארויסגעפארן צוויי דריי גדולים פון ליטא, ובתוכם איז געווען **רבי זלמן סורוצקין זצ"ל** [ער האט געמאכט א ספר **אזנים לתורה**, און דארט שרייבט ער די מעשה].

**זיי** זענען אנגעקומען קיין פוילן, און זיי האבן געזאגט, אז זיי זענען געקומען נאך געלט. עס איז נישטא וואס צו געבן עסן פאר די בחורים אין די ישיבה, און זיי דארפן צוזאמשטעלן געלט. האט זיך אנגערופן דארט איינער א נגיד, און ער האט געזאגט, אז עס איז אים א פלא. ביי אונז אין פוילין איז דא דער לובלינער רב, **רבי מאיר שפירא זצ"ל**, און ער בויט יעצט אויף די ישיבה חכמי לובלין, און ער שטעלט צוזאם עפרות זהב, ער מאכט אזויפיל געלט. וואו ער גייט, באווארפט מען אים, און ער בויט אויף אזא בנין וואס מען האט נאך נישט געהערט דערפון. און פארוואס איז ביי ענק אזוי שווער, אז עטץ האטס נישט וואס צו עסן, און מען קען נישט צוזאמנעמען קיין געלט. פארוואס קען עס רבי מאיר שפירא יא באווייזן, און עטץ קענטס עס נישט באווייזן? אזוי האט מען אים געפרעגט.

**האט רבי זלמן סורוצקין** געזאגט, איך וועל דיר ענטפערן דערויף. מען זעהט, אז ביי נדבת המשכן האט יעדער געגעבן מה שידבנו לבו, אבער צו די קרבנות, האט מען געדארפט

צווינגען יעדן איינעם צו געבן א מחצית השקל. וואס איז דער חילוק? וועסטו וועלן זאגן, ווייל צו בויען א משכן איז זייער א חשובע זאך, האט יעדער געגעבן געלט, אבער אויף קרבנות וואס איז נישט אזוי וויכטיג, וועגן דעם האט מען נישט אזויפיל געגעבן, האט מען געדארפט צווינגען אז יעדער זאל געבן א מחצית השקל. מען קען נישט אזוי זאגן. ווייל די הלכה איז (יבמות ו.) אז קרבנות איז דוחה שבת, און בויען א משכן איז נישט דוחה שבת. איז דאך קרבנות אסאך חשוב'ער ווי צו בויען א משכן, און אז עס איז אסאך חשובער, וואלט מען דאך געדארפט געבן מיט נדבת הלב אויף קרבנות, פארוואס האט מען געדארפט צוזאמנעמען פון יעדן.

**האט** ער געזאגט, דער חילוק איז אזוי. א מענטש האט ליב צו געבן געלט פאר א בנין. **מען בויט א נייע מתיבתא, מען בויט א נייע בנין, דארטן איז ער גרייט צו געבן א גרויסע סומע געלט, אז ער זאל האבן א חלק דערין, ער וועט קויפן צימערן וכדומה. - און עס איז בארעכטיגט אויך, סוף כל סוף זעהט ער אז פון זיין געלט גייט בלייבן א בנין, און דאס וועט בלייבן אויף יארן שפעטער, צו ער וועט יא זיין אויף דעם עולם, צו נישט. ער לאזט איבער א זאך וואס וועט זיין א קרן קיימת לו לעולם הבא, און דערפאר זענען מענטשן גרייט זיך צו לאזן קאסטן.** אבער צו ברענגען א קרבן, ער וועט געבן א פאר הונדערט דאלער צו ברענגען א בהמה, און נאכדעם וועט מען שחט'ן די בהמה, און א טאג שפעטער איז שוין פון די בהמה גארנישט דא. מען האט אויפגעגעסן די פלייש, און די וואס זענען געגאנגען פאר אן עולה, האט מען אינגאנצען ארויפגעלייגט אויפן מזבח. און איבערמארגן וועט מען ווייטער בעטן דערפאר, פאר דעם זענען מענטשן נישט גרייט צו געבן קיין געלט.

**ווען** עס איז געקומען צום נדבת המשכן, מען גייט בויען א משכן פארן אייבערשטן, יא, יעדער וויל האבן א חלק דערין, עס וועט זיך צוזאמקלויבן געלט, אז מען וועט קענען האבן גענוג אויף אויפצושטעלן א משכן. אבער אויף די קרבנות וואס מען דארף מקריב זיין יעדן טאג, דארט האט מען געדארפט צווינגען צו געבן אפילו נאר א מחצית השקל. ווייל טאמער מען וועט נישט צווינגען צו געבן, האבן מענטשן נישט קיין געפיל צו געבן אויף א זאך וואס מען זעהט נישט אז עס בלייבט דערפון א רושם אויף שפעטער.

**האט רבי זלמן סורוצקין** געזאגט פאר דעם עושר, דער **לובלינער רב** בויט יעצט א שיין הערליך בנין, וואס פוילין האט נאך אזאנס נישט געזעהן, אוודאי איז אים גרינג צוזאמצושטעלן געלט, און ער וועט מאכן געלט, און ער וועט אויפשטעלן זייער שיין דעם בנין. איך וויל אבער זעהן, ווי אזוי ער וועט זיך פלאגן, ווען דער בנין וועט שוין שטיין, און ער וועט דארפן צוזאמשטעלן געלט, אז די בחורים זאלן קענען ווייטער לערנען, דעמאלטס וועט ער נישט מאכן גארנישט. ווייל אויף בויען א בנין, אויף דעם איז דא געלט, אבער אויפצוהאלטן טאג טעגליך, אז מען זאל קענען אנהאלטן דאס פלאץ, דארטן האבן מענטשן נישט ליב צו געבן קיין געלט. האט מען געדארפט צווינגען אז יעדער זאל געבן א מחצית השקל פאר די קרבנות.

**בנוגע** לענינינו, דער דינער יעצט איז דאך פאר די החזקה פון די מתיבתא, עס איז נישט אויף צו בויען קיין בנינים, עס איז פארן טאג-טעגליכען לעבן, וואס, יא, מען גייט אויפעסן דאס געלט, און מארגן וועט מען דארפן געבן פריש געלט, פארלאנגט זיך מער מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי, מען זאל עס טון מיט א נדבת הלב, ווייל עס קומט אן שווער אז מען זאל געבן געלט אויף אזא זאך וואס מען זעהט נישט פאר די אויגן די פירות דערפון.

*

**אבער** מען האט דא צוגעגעבן נאך א זאך, אז פאר די אדני המשכן האט מען אויך געצווינגען יעדן איינעם צו געבן געלט. פארוואס פונקט אויף די אדנים האט מען געדארפט צווינגען, אז יעדער זאל געבן א מחצית השקל. ווייל מענטשן

האבן ליב צו געבן געלט פאר א בנין, ווען עס האלט זיך שוין אינמיטן בויען. ער זעהט שוין די ווענט, ער זעהט שוין די סטראקטשער דערפון, עס גייט שוין דא עפעס ווערן, דעמאלטס איז ער גרייט, און ער שפרינגט אויך אריין, און ער גיט. אבער אז מען האלט נאך אין אנהייב, מען גייט בויען א בנין, און מען זאגט אז מען דארף האבן געלט פאר א דאון-פעימענט, ווער ווייסט צו עס וועט זיך עפעס ווערן דערפון, צו נישט. מען דארף האבן געלט פאר די פלענ"ס וכדומה, ער זעהט נאך גארנישט אז די זאך האט זיך גערירט, גיט ער נישט קיין געלט. ווען עס וועט שוין שטיין א בנין, ער וועט אלעס זעהן פאר די אויגן, דעמאלטס וועט ער געבן.

**יודען** זענען געווען גרייט צו געבן געלט פארן משכן. אבער פאר אדני המשכן, וואס די אדנים זענען די פודאמענט וואס מען הייבט עס יעצט אן צו בויען, ווילאנג ער זעהט נאך נישט קיין משכן וואס שטייט, מען האלט נאך ביי די אדנים, איז שווער אז מען זאל געבן געלט. האט מען דארט אויך געדארפט צווינגען, אז יעדער יוד זאל האבן א חלק אין די אדני המשכן.

**ב"ה עס איז ניתוסף ספסלי בבי מדרשא, מען פלאגט זיך אזוי אויך א גאנץ יאר אז מען זאל קענען אדורכשטופן דעם יאר, און מען זאל קענען געבן פאר די בחורים וואס זיי דארפן. מען האלט יעצט אין אזא מצב וואס מען האט נישט וואו צו לערנען, מען דארף בנינים. ב"ה עס האבן זיך אריינגעווארפן יונגעלייט און מען האט שוין אפגעקויפט א פלאץ, און אודאי וועט מען יעצט דארפן צוזאמצושטעלן געלט אויפן בויען דעם משכן.** אבער ביידע זענען חשוב. א יוד דארף וויסן, אז עס דארף זיין א נדיבת הלב צו געבן געלט, סיי ווען מען בויט א משכן, און סיי ווען דער משכן איז דא, און מען דארף עס נאר אויפהאלטן אויפן טאג-טעגליכן לעבן, ביידע זענען געוואלדיגע זכותים וואס מען קען זיך איינקויפן דערמיט. עס איז 'ויקחו' לי תרומה, ווען מען גייט אוועק פון דא, זאל מען נישט שפירן אז מען האט דא איבערגעלאזט געלט, און מען האט 'גענעבן', נאר מען זאל שפירען אז מען האט 'איינגעקויפט' א זכות אין תורה! איך בין אוועקגעגאנגען מיט א אינוועסטמענט וואס איך האב געמאכט, וואס דער אייבערשטער וועט עס מיר באצאלן בכפל ובכפלי כפלים.

**יודען** ווילן דאך מחזיק זיין תורה, זיי פארשטייען די נעימות פון די תורה, זאל זיי דער אייבערשטער געבן, אז אלע ברכות וואס איז דא אין די תורה, זאל מקויים ווערן ביי זיי, עץ חיים הוא למחזיקים בה ותומכיה מאושר. וואס א יוד גיט אוועק פאר תורה, דאס איז דער עץ חיים, מיט דעם לעבט ער, און דאס גיט אים זיין גליק אין זיין לעבן שפעטער. וואס פאר א חשיבות דאס איז אין היינטיגע צייטן, וואס יעדער ווייסט ווי אזוי די גאס זעהט אויס, אז עס איז נאך דא א הייליג ווינקל, וואו בחורים זיצען פון צופרי ביז ביינאכט, און מען זעהט נישט קיין שום זאך פון די וועלט, נאר מען זיצט און מען לערנט. איך וועל נישט רומען די ישיבה, עס איז ב"ה פקיע שמיה, מען דארף עס נישט ארויסברענגען, אבער איך וועל זאגן, **אז דאס איז פון די איינצעלנע ישיבות, וואס מען לערנט תורה מיט קדושה און יראת שמים!** עס איז א ערליכע ישיבה, עס איז נישטא דארט קיין שום זאך פון די היינטיגע וועלט, וואס דרייט זיך אריין אין די ישיבה. מען זיצט פון צופרי ביז ביינאכט און מען הארוועט אויף תורה, איז דא א ברכה אין די תורה וואס מען לערנט.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל האבן די זכיה מען זאל עס קענען מחזיק זיין. דער אייבערשטער זאל אונז בענטשן מיט אלע ברכות התורה, און מיר זאלען זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.